# קאַפּיטעלעך ייִדיש

פֿון דר. הירשע דוד קאַץ

## אַ נײַע זומער־פּראָגראַם אין – ווילנע!

די טעג איז אונטערגעחתמעט געוואָרן אַ הסכּם מיטן ווילנער אוניווערסיטעט אויף צו גרינדן דעם זומער אַן אינטענסיוון פֿיר־וואָכיקן קורס פֿון ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור אין ווילנע – אַמאָליקע ירושלים ד׳ליטא און סימבאָלישע קרוינשטאָט פֿון ייִדיש; הײַנט – ווילניוס, די הויפּטשטאָט פֿון ליטע.

פֿון זינט ס׳איז געשאַפֿן געוואָרן די אוריאל ווײַנרײַך זומער־פּראָגראַם אין ניו־יאָרק אין די שפּעטע זעכציקער יאָרן (צום אָנדענק פֿון פֿריפֿאַרשטאָרבענעם, גאונותדיקן ייִדישן לינגוויסט), זײַנען אויפֿגעקומען אַנדערע אַזעלכע ״פּראָגראַמען איבער דער וועלט, צווישן זיי – די אָקספֿאָרדער, בר־אילנ׳ער און פּאַריזער זומער־קורסן. אַלע האָבן זיי באַוויזן דאָס וואָס קורסן „פֿון אַ גאַנץ יאָר״ זײַנען בדרך כּלל נישט עלול אויפֿצוטאָן.

אין דער שפּרודלדיק־רוישנדיקער אַטמאָספֿער פֿון אַ זומער־קורס, ווו די קלאַסן און פֿאַרשיידנערליי צוגאָב־אַקטיוויטעטן פֿאַרנעמען דעם גאַנצן טאָג (ווען־נישט־ווען אויך אַ האַלבע נאַכט), שאַפֿט זיך אַ צײַטווײַליקע ייִדיש־ריידנדיקע געזעלשאַפֿט, אַ מין „זומערדיק שטעטעלע״. אַז דער זומער איז אַ געלונגענער, קומען זיך צונויף סטודענטן פֿון אַלע עקן וועלט, אַזוי פֿון אַוועלכן נישט איז זומער־קורס, קען מען ערשט אָנווענדן מיט יאָרן שפּעטער: וועלכער טאַלאַנט, וועלכער אויפֿטוער, וועלכער לערער איז צוגעצויגן געוואָרן צו ייִדיש – און געבליבן בײַ ייִדיש! – אַדאַנק יענעם זומער?

אַז מ׳זאָל בײַ הײַנטיקן טאָג אַ קוק טאָן אויף אונדזערע לערער, פּראָפֿעסאָרן און קולטור־טוער פֿון ייִנגערן און מיטלדיקן דור, איבער גאָר דער וועלט, וועט מען אָן ספֿק זיך דערגרונטעוועון צום „סדר״, דהײַנו אַז אַ „שיינער פּראָצענט״ פֿון זיי זײַנען געקומען צו ייִדיש אַדאַנק איינער פֿון די עקזיסטירנדיקע זומער־פּראָגראַמען, זיי אַלע צו לאַנגע, פּרוכפּערדיקע יאָרן...

* * *

טאָ פֿאַרוואָס אַ נײַע זומער פּראָגראַם?

ערשטנס, פּראָסט און פּשוט, ווײַל מיר אין דער ייִדיש־באַוועגונג דאַרפֿן בכלל זיין מער אָריענטירט צו טראַכטן גרויסאַרטיק־מאַקסימאַליסטיש מיט אַ געזונטער, שטאָלצער פּסיכאָלאָגיע, נישט מיטן זעלבסטצופֿרידענעם סקאַרבאָוונעם גאַנג פֿון „וואָס ווילט איר אַז ס׳איז שוין דאָ...״

והשנית: ס׳האָט נישט קיין זין צו בויען אַ נײַע פּראָגראַם „איבערן וועג״ פֿון אַן עקזיסטירנדיקן. אַ תּלמיד קען דאָ געניסן – שפּראַך, פּײַסאַזש, רעאַליע פֿון שטיבער, סעדער און ברונעמס – סײַ צום באַנעמען ווי ס׳דאַרף צו זיין אומצאָליקע ייִדישע ווערטער און ווערטלעך, סײַ צום קענען לייענען און פֿאַרשטיין די ייִדישע ליטעראַטור ווי ס׳דאַרף צו זײַן, דאָס אַלץ קען דער סטודענט לחלוטין נישט באַקומען אין די מערבֿדיקע לערנצענטערס.

די אַקאַדעמישע ספּעציאַליסטן אויף דער ווילנער זומער־פּראָגראַם וועלן מערסטנטייל זײַן גאַסט־פּראָפֿעסאָרן פֿון איבער דער וועלט. די אינטענסיווע קלאַסן וועלן געפֿירט ווערן פֿינף טעג אַ וואָך, אַלע אינדערפֿרי פֿון 9:30 ביז 1:00. ס׳וועלן זײַן פֿיר ניוואָען: ייִדיש I (אָנהייבער); ייִדיש II (מיטלדיקע); ייִדיש III (העכערע מיטלדיקע); ייִדיש IV (אַוואַנסירטע).

דער ווילנער פּראָפֿעסאָר מאיר שוב, וועלכער האָט איינער אַליין מיט גרויס מסירת־נפֿש אויפֿגעבויט די אָפּטיילונג פֿאַר יודאַיִקאַ אויפֿן ווילנער אוניווערסיטעט, וועט האַלטן צוגאָב־לעקציעס איבער ייִדישער געשיכטע. וועגן דעם אויסערגעוויינלעכן פּראָפֿ. מאיר שוב וועט אי״ה בקרובֿ זיין די רייד אין אַ באַזונדערן קאַפּיטל געווידמעט דעם מענטש און זײַן אויפֿטו.

* * *

די נאָכמיטיק אַקטיוויטעטן וועלן אין דער גרעסטער מאָס אָנגעפֿירט נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק, וועט באַקענען די סטודענטן מיט די ביכער־אוצרות וואָס זײַנען נאָך פֿאַראַן אין ווילנע.

דער מערקווערדיקער און באַליבטער 92־יעריקער פֿילאָלאָג, כאַצקל לעמכען, וועלכער האָט ערשט אַרויסגעלאָזן אַ נײַעם ליטוויש ווערטערבוך, וועט דערציילן פֿון זײַנע פֿאַרמלחמהדיקע באַקאַנטשאַפֿטן מיט גרויסע ייִדישע געלערנטע.

עס וועלן אויך זײַן אויטאָבוסטורן אויף צו באַזוכן היסטאָרישע ייִדישע ערטער איבער גאַנץ ליטע.

* * *

די מוזיקאַלישע, פֿאַרווײַלונגס און פֿילם פּראָגראַם (דער עיקר אין די אָוונטן) וועט אויך זײַן „נישט צו פֿאַרזינדיקן״.

די יונגע ווילנער שטערנטע ליאָראַ גראָדניקאַיטע (גראָדניק), וועלכע איז שוין אויפֿגעטראָטן אין אַ ריי לענדער מיט גרויס דערפֿאָלג און אומעטום אַרויסגערופֿן אַ טיפֿע התפּעלות, וועט אָנפֿירן מיט געזאַנג סעסיעס.

דער ווילנער ייִדישער אַרטיסט יעקבֿ מגיד וועט אַרויסטרעטן, ווי אויך דער אַנסאַמבל „פֿײַערלעך״, מיט וועלכן עס פֿירט אָן אַניע קראַוועץ.

פֿון לידע, בעלאַרוס, וועט קומען צו פֿאָרן דער יונגער מישאַ דווילאַנסקי מיט זײַן „ייִדישן פֿאָלקס־אַנסאַמבל״.

פֿאַר די וואָס אינטערעסירן זיך מיט פֿילמען וועט מען דעם זומער אין ווילנע צוטראָגן אַ מאכל ממש. דער ווילנער פֿילם־רעזשיסאָר סאַוליוס בערכזשיניס וועט פֿאָרשטעלן (צום ערשטן מאָל!) אויסצוגן פֿון זײַן נײַער זאַמלונג פֿון „לעבעדיקע בילדער״ פֿון די לעצטע ייִדן אין ווײַסרוסישע און ליטווישע שטעטלעך בײַ הײַנטיקן טאָג. אויפֿן פֿילם ריידן זיי נאָר און בלויז אויף זייער היימישן שטעטלדיקן ייִדיש. דאָס זײַנען לעבעדיקע רעשטלעך פֿון אונדזער ייִדיש־ייִדישער ציוויליזאַציע וואָס כּמעט קיינער אין מערבֿ האָט נאָך נישט באַנומען מיט די אויגן! שטעטלדיק ייִדיש פֿון 1997!

און פֿון מינסק וועט קומען דער פֿילם־רעזשיסאָר יורי גאָרולעוו. אויך ער וועט דעמאָנסטרירן זײַן פֿילם־מאַטעריאַל פֿון אונדזערע באַגעגענישן מיט די לעצטע ייִדן אין ווײַסרוסלאַנד. חוץ דעם וועט ער ווײַזן פֿראַגמענטן פֿון פֿילמען פֿונעם אַמאָליקן פֿאַרמלחמהדיקן ייִדישן לעבן אין פּוילן און ווײַסרוסלאַנד, וואָס ער האָט אויפֿגעזוכט אין ווײַסרוסישן פֿילם־אַרכיוו. מ׳וועט אויך באַווײַזן זײַן נײַעם דאָקומענטאַרן פֿילם וועגן מאַרק שאַגאַלן.

* * *

מ׳רעכנט, אַז די נײַע ווילנער זומער־פּראָגראַם פֿון ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור וועט ווערן אַ יערלעכע דערשײַנונג. דערווײַל נעמען זיך אָנפֿילן די ערטער אויפֿן ערשטן זומער־קורס, וואָס וועט אָפּגעהאַלטן ווערן אין ווילנער אוניווערסיטעט פֿון 6טן ביזן 31טן יולי 1998. אויף אינפֿאָרמאַציע זיך ווענדן צו:

Mr. Justinas Vancevichius
Coordinator,
Vilnius Program in Yiddish
Center For Jewish Studies
Vilnius Universuty
Universiteto 3
Vilnius 2734 Lithuania
Tel: 011-3702-624928
Fax: 011-3702-223563
e-mail:
justinas.vancevicius@flf.vu.lt

אַרום, אַז נישט ענגליש, נישט רוסיש, נישט עבֿרית, נאָר דווקא ייִדיש ווערט טאַקע די לעבעדיקע שפּראַך וואָס די תּלמידים באַנוצן זיך מיט איר טאָגטעגלעך.

דערצו דאַרף מען צורעכענען צום חשבון אַן אַלגעמיינעם פּרינציפּ: בײַם אויסלערנען זיך אַ שפּראַך איז חל דער דין: „יעדע שעה איז דרײַ שעה ווערט", דעמאָלט אַז „מ׳טונקט אײַן דעם תּלמיד", לאָמיר אָנכאַפּן, אַ חודש, אין אַזאַ מין אינטענסיווער, נאָכאַנאַנדיקער סבֿיבֿה (להיפּוך למשל צו אַנדערע לימודים, ווי געשיכטע צי מאַטעמאַטיק, ווו דער מענטשלעכער מח איז אַפּנים מער „סימפּאַטיש" צו אַ קלענערער צאָל שעה אַ וואָך אין משך פֿון אַ גאַנצן אַקאַדעמישן יאָר).

ואחרון אחרון: אין צוגאָב צו דעם אַלעמען, וואָס מ׳קען זיך אויסלערנען אין אַ חודש אָדער זעקס וואָכן (נאָכאַלעמען – אַ קורצער צײַט־אָפּשניט), באַווײַזט אַ געלונגענע זומער־פּראָגראַם אַ מער דויערהאַפֿטיקן, גורלדיקן „קונץ": מ׳אינספּירירט נײַע יונגע טאַלאַנטן, זיי זאָלן ווידמען זייערע קאַריערעס דער ייִדישער שפּראַך, קולטור און ליטעראַטור.

אַ וואָג־און־מאָס לגבי דעם היסטאָרישן דערפֿאָלג אָדער דורכפֿאַל „נײַקייט" אויף דעם געביט איז פּרינציפּיעל מחויבֿ צו דערפֿילן אַ בלויז אין דעם כּוללדיקן קולטור־געאָגראַפֿישן מעמד פֿון ייִדיש.

דריטנס, פֿאַרוואָס עפּעס אין ווילנע?

דער סאַמע וויכטיקסטער מאָמענט דאָ איז לויט אונדזער מיינונג אַ קולטור־היסטאָרישער: בײַ הײַנטיקן טאָג, אַז אין ווילנע קען מען רויִק שטודירן אין באַקוועמע, מאָדערנע אומשטענדן, אין אַן ערשט־ראַנגיקן אוניווערסיטעט, וואָלט בפֿירוש געווען אַן עוולה, אַז סטודענטן פֿון ייִדיש פֿון איבער דער וועלט זאָלן נישט קענען געניסן פֿונעם אינטימען קאָנטאַקט מיט „ייִדן פֿון ייִדישלאַנד". דאָס זײַנען ייִדן וועלכע האָבן אַלע זייערע יאָרן פֿאַרבראַכט אין מזרח־אייראָפּע, קולטור־ייִדן וואָס שפּאָרן נישט קיין מי צו בויען אַ נײַ ייִדיש לעבן, נישט קוקנדיק אויף אַלע שוידערס און גרויזאַמקייטן וואָס זיי האָבן איבערגעלעבט אין די חורבן־יאָרן, און די אַלע אונטערדריקונגען אין די סטאַליניסטישע יאָרן; נישט קוקנדיק אויף די הײַנטיקע עקאָנאָמישע יסורים.

דערצו זײַנען נאָך געבליבן אַ קליינע צאָל ייִדן אין ליטווישע שטעטלעך. דאָס אַלץ וואָס דער ווערן דורך ליטווישע ייִדן – אינגאַנצן אויף ייִדיש.

רחל קאָסטאַניאַן, די ענערגישע וויסנשאַפֿטלעכע סעקרעטאַרין פֿון ייִדישן מוזיי, וועט אָנפֿירן מיט היסטאָרישע שפּאַצירן איבער דעם אַמאָליקן ייִדישן קוואַרטאַל, ווי אויך מיט אַרויספֿאָרן אין פּאָנאַר און אַנדערע ערטער פֿון ייִדישן מאַסן־מאָרד.

דער פּרעזידענט פֿון דער ייִדישער קהילה, ד״ר ש. אַלפּעראָוויטש, וועט אינטים באַקענען די סטודענטן מיטן הײַנטצײַטיקן לעבן פֿון אַלע שיכטן פֿון דער שארית הפּליטה אין ווילנע.

דער זאַמלער יוסף שאַפּיראָ וועט פֿאָרשטעלן זײַן אויסערגעוויינלעכע קאָלעקציע פֿון ייִדישער קליינקונסט.

בלומע קאַץ פֿון סווינציאַן, אַן אַמאָליקע סטודענטקע פֿון מאַקס ווײַנרײַך, וועט אָנפֿירן מיט אַ שפּאַציר איבער די אַמאָליקע „קולטור־אַדרעסן" פֿון ייִדיש אין ווילנע, ווי אויך אַ טור פֿון איר שטעטל סווינציאַן. זי וועט קנעלן מיט די סטודענטן ביז וואַנען זיי וועלן דערפֿילן אין דער טיף און אין דער ברייט וואָס איז דאָס געווען אַזוינס אַ ייִדיש שטעטל.

פֿירע בראַמסאָן, די הויפּט־ביבליאָטעקאַרין פֿאַר יודאַיִקאַ אין דער

## 52סטער „טאָג פֿון ייִדישן ניגון" דורכגעפֿירט פֿון „ייִוואָ" אין בוענאָס־איירעס

פֿון אונדזער קאָרעספּאָנדענט

**מלך פֿרידמאַן**

אַן אײַנדרוקספֿולע קולטור־אימפּרעזע איז געווען דער 52סטער „טאָג פֿון יידישן ניגון" א״נ „דער שיר השירים פֿון ייִדישן ליד", וואָס איז פֿאָרגעקומען דעם 23סטן נאָוועמבער אין טעאַטער־זאַל פֿון דער קהילה, וועלכער איז געווען איבערגעפֿולט פֿון ברעג ביז ברעג מיט אַ 500־קעפּיקן עולם פֿון יעדן עלטער.

מ׳האָט געקאָנט זען פֿאַרדינסטפֿולע קולטור־טוערס, עסקנים פֿון אינסטיטוציעס און פֿאָלקס־מענטשן.

אַ יום־טובֿדיקע שטימונג האָט אַרײַנגעבראַכט דער דירעקטאָר פֿון „ייִוואָ" פּראָפֿ׳ אבֿרהם ליכטענבוים אין זײַן דערעפֿן־וואָרט און אין אָנפֿיר.

אין זײַן עפֿן־וואָרט האָט ער אַרויסגעבראַכט די פֿרייד פֿון ייִדישן ליד און מוזיק, וואָס איז נאָך אַ וויכטיקער בײַטראָג ווײַטער אויפֿצוהאַלטן די ייִדישע קולטור־זווערטן.

דער פֿאָרזיצער פֿון ייִוואָ, ד״ר סאָול דרײַער, האָט אין זײַן באַגריסונגס־וואָרט אונטערגעשטראָכן די שעפֿערישקייט פֿון דער ייִדישער קולטור, וואָס האָט געשטאַלטיקט דעם ווײַטערדיקן גאַנג אין לעבן פֿון ייִדישן פֿאָלק.

דער קינסטלערישער פּראָגראַם האָט זיך אָנגעהויבן מיטן אויפֿטריט פֿון אַ קלעזמער־גרופּע, וואָס האָט אויסגעשפּילט פֿאָלקס־מוזיק און מעלאָדיעס וועלכע דער גרויסער עולם האָט מיטגעזונגען. באַשײַנט האָבן אויך דעם יום־טובֿ די בעסטע און באַגאַבטסטע 15 זינגערס און זינגערינס, אינטערפּרעטירנדיק אַ פֿילפֿאַרביקן רעפּערטואַר פֿון ייִדישע פֿאָלקסלידער, וואָס זײַנען אויסגעזונגען געוואָרן מיט פֿרייד אין האַרצן און אַרויסגערופֿן אַ נאָסטאַלגיע פֿון ייִדישן אַמאָל און פֿון הײַנט און האָט געשאַפֿן אַ דערהויבענע שטימונג בײַם גרויסן עולם.

צום סוף האָט פּראָפֿ׳ אבֿרהם ליכטענבוים באַדאַנקט אַלע אָנטיילנעמער און דעם גרויסן עולם פֿאַרן מיטפֿרייען זיך מיטן טראַדיציאָנעלן „טאָג פֿון ייִדישן ניגון".